# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת שמות, כ"א טבת, שנת תשע"ט לפ"ק

שנה 8, גליון 16 (376)


**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות..................**4:21**

מוצאי שב"ק.....................**5:49**

**שיעורים כסדרן**

נ"ך.........................הושע י'-י"א

בבלי.........................חולין ל"ב

ירושלמי.....................כלאים ח'

תוספתא.............פרה פרק י"א

רמב"ם...........ביאת המקדש א'

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הַבָּאִים מִצְרָיְמָה אֵת יַעֲקֹב אִישׁ וּבֵיתוֹ בָּאוּ**, דֶער פָּסוּק הֵייבְּט אָן מִיטְ'ן נָאמֶען "יִשְׂרָאֵל", אוּן עֶר זָאגְט "**הַבָּאִים**" - "זֵיי קוּמֶען", אוּן דֶער פָּסוּק עֶנְדִיגְט מִיטְ'ן נָאמֶען "**יַעֲקֹב**", אוּן עֶר זָאגְט "**בָּאוּ**" - "זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גֶעקוּמֶען". דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין פַארְוָואס דֶער פָּסוּק הֵייבְּט אָן מִיט אֵיין לָשׁוֹן, אוּן עֶר עֶנְדִיגְט מִיט אַ צְוֵויטֶע לָשׁוֹן?

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן רס"א) אַז וֶוען אַ אִיד פַאלְט אַרָאפּ פוּן זַיין עֲבוֹדַת ה', דַארְף עֶר וִויסְן אַז דָאס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס הָאט דָאס גֶעמַאכְט אַז דֶער אִיד זָאל זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן אוּן אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר טָאר מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן, נָאר וֶוען מֶען זֶעט אַז מֶען אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן, הֵייבְּט מֶען זִיךְ אוֹיף, אוּן מֶען הֵייבְּט אָן "**פוּן יֶעצְט**" צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן כ"א) אַז דֶער נָאמֶען "**יִשְׂרָאֵל**" גֵייט אַרוֹיף אוֹיף אַ הוֹיכֶע מַדְרֵיגָה. דֶערְפַאר הֵייבְּט דֶער פָּסוּק אָן, **וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי "יִשְׂרָאֵל" "הַבָּאִים" מִצְרָיְמָה**, דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הֵייסְן "**יִשְׂרָאֵל**", אַ הֶעכֶערֶע מַדְרֵיגָה, וֵוייסְן אַז זֵיי הַאלְטְן אִין אֵיין קוּמֶען קַיין מִצְרַיִם, זֵיי פַאלְן כְּסֵדֶר אַרָאפּ, אוּן הֵייבְּן נָאכְאַמָאל אָן פוּן פְרִישׁ, אוּן פַאלְן נָאכְאַמָאל, אוּן הֵייבְּן זִיךְ נָאכְאַמָאל אוֹיף, אוּן זֵיי וֶוערְן נִישְׁט צוּבְּרָאכְן, וַוייל זֵיי וֵוייסְן אַז אַזוֹי מוּז עֶס גֵיין, אַז מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ.

ווִידֶער זָאגְט דֶער פָּסוּק, **אֵת "יַעֲקֹב" אִישׁ וּבֵיתוֹ "בָּאוּ"**, דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הֵייסְן "**יַעֲקֹב**" אַ קְלֶענֶערֶע מַדְרֵיגָה, בַּיי זֵיי אִיז "**בָּאוּ**", זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גֶעקוּמֶען אוֹיף מִצְרַיִם, וֶוען זֵיי פַאלְן אַרָאפּ, בְּלַייבְּן זֵיי שׁוֹין לִיגְן, אוּן הֵייבְּן זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף, וַוייל זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט אַז עֶס מוּז אַזוֹי זַיין, אַז מֶען פַאלְט אוּן מֶען הֵייבְּט זִיךְ אוֹיף.

דֶערְפַאר דַארְף אַ אִיד זִיךְ שְׁטֶענְדִיג שְׁטַארְקְן, אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן גָארְנִישְׁט, אוֹיבּ מֶען הָאט אַ דוּרְכְפַאל, הֵייבְּט מֶען זִיךְ אוֹיף, אוּן מֶען גֵייט וַוייטֶער אָן.

(זאת הַתּוֹרָה שְׁמוֹת א)

***

**וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל**, דֶער בַּעַל הַטּוּרִים זָאגְט אַז דִי וֶוערְטֶער זֶענֶען רָאשֵׁי תֵּיבוֹת **וְ'אָדָם אַ'שֶׁר לְ'וֹמֵד הַ'סֵּדֶר שְׁ'נַיִם מִ'קְרָא וְ'אֶחָד תַּ'רְגּוּם בְּ'קוֹל נָ'עִים יָ'שִׁיר יִ'חְיֶה שָׁ'נִים רַ'בּוֹת אֲ'רוּכִים לְ'עוֹלָם**, אַזוֹי וִוי דִי הֵיילִיגֶע חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ח.) **לְעוֹלָם יַשְׁלִים אָדָם פָּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּיבּוּר שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, שֶׁכָּל הַמַּשְׁלִים פַּרְשִׁיּוֹתָיו עִם הַצִּיבּוּר מַאֲרִיכִין לוֹ יָמָיו וּשְׁנוֹתָיו**, אַ מֶענְטְשׁ זָאל יֶעדֶע וָואךְ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגּוּם, וַוייל וֶוער עֶס אִיז מַעֲבִיר סֶדְרָה וֶועט לֶעבְּן לַאנְגֶע יָארְן.

דַארְף מֶען אָבֶּער פַארְשְׁטֵיין, וִוי קוּמְט עֶס אַרַיין אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה, פַארְוָואס הָאט דִי תּוֹרָה פּוּנְקְט דָא מְרַמֵּז גֶעוֶוען, אַז מֶען דַארְף מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין?

זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"א סִימָן י"ט) אַז מִיטְ'ן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, פַארֶעכְט מֶען דִי הַארְבֶּע עֲבֵירָה פוּן "פְּגַם הַבְּרִית", אוּן וִוי בַּאקַאנְט זֶענֶען דִי טֶעג פוּן שׁוֹבָבִ"ם סְפֶּעצִיעֶל מְסוּגָּל צוּ אַלֶעם פַארֶעכְטְן, דֶערְפַאר וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן פַּרְשַׁת שְׁמוֹת, וָואס דַאן הֵייבְּן זִיךְ אָן דִי שׁוֹבָבִ"ם טֶעג, אִיז דִי תּוֹרָה מְרַמֵּז אַז מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה צוּ זַיין אוּן מִיט דֶעם וֶועט מֶען אַלֶעם פַארֶעכְטְן.

(זאת הַתּוֹרָה שְׁמוֹת ב)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### דִי הֵיילִיגֶע שׁוֹבָבִ"ם טֶעג

מִיר הָאבְּן יֶעצְט אַרַיינְגֶעטְרֶעטְן אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן שׁוֹבָבִ"ם, וָואס דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז דִי וָואכְן זֶענֶען גָאר שְׁטַארְק מְסוּגָּל אוֹיף תְּשׁוּבָה, אִין דִי יֶעצְטִיגֶע טֶעג אִיז גְרִינְגֶער זִיךְ צוּ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן פַארֶעכְטְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן אִין לֶעבְּן.

דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ רֶעכְנְט אוֹיס וִויפִיל תַּעֲנִיתִים אַ מֶענְטְשׁ דַארְף פַאסְטְן, אוֹיף יֶעדֶע עֲבֵירָה בַּאזוּנְדֶער וָואס עֶר הָאט חַ"ו עוֹבֵר גֶעוֶוען. אוֹיבּ וֶועלְן מִיר דַארְפְן פַאסְטְן דִי אַלֶע תַּעֲנִיתִים, הָאבְּן מִיר נִישְׁט גֶענוּג טֶעג אִין לֶעבְּן צוּ קֶענֶען עֶנְדִיגְן דִי אַלֶע תַּעֲנִיתִים.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַ מָשָׁל אַז עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ גְרוֹיסֶער עוֹשֶׁר וָואס הָאט גֶעהַאט גָאר אַסַאךְ גֶעלְט. דֶער עוֹשֶׁר הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ מֶעלְדוּנְג אַז וֶוער עֶס וִויל בָּארְגְן גֶעלְט קֶען קוּמֶען צוּ אִים אוּן בָּארְגְן וִויפִיל מֶען וִויל. פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען אִיבֶּערְגֶענוּג מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעכַאפְּט דֶערְצוּ אוּן דֶער עוֹשֶׁר הָאט טַאקֶע גֶעבָּארְגְט פַאר יֶעדְן וִויפִיל מֶען הָאט נָאר גֶעוָואלְט, אוּן עֶר הָאט פַארְשְׁרִיבְּן אַלֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת אִין זַיין בּוּךְ.

אֵיין טָאג אִיז דֶער עוֹשֶׁר אִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען זַיינֶע בִּיכֶער אוּן גֶעזֶען אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַרוֹיסְגֶעבָּארְגְט גָאר אַסַאךְ גֶעלְט, אָבֶּער דִי מֶענְטְשְׁן קִימֶערְן נִישְׁט צוּרִיק צוּ קוּמֶען אוּן בַּאצָאלְן דָאס גֶעלְט, אוּן דָאס

<<<<<<

## א גוט ווארט

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יְהֵא רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים, כִּי אֲמִירַת תְּהִלִּים מְסֻגָּל לִתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס וִויל תְּשׁוּבָה טוּן, זָאל זָאגְן תְּהִילִים; דֶערִיבֶּער אַז מִיר זֶענֶען יֶעצְט אַרַיין אִין דִי שׁוֹבָבִי"ם טֶעג זָאלְסְטוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִילִים.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף אָפְּדַאנְקֶען דֶעם צַדִּיק רֶבִּי רְפָאֵל פוּן בֶּערְשִׁיד זי"ע, אַ תַּלְמִיד פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי פִּנְחָס מִקָארִיץ זי"ע, אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי וֶועלְט אַז מֶען קֶען זָאגְן תְּהִילִים אֲפִילוּ קַאלְט אָן קַיין הִתְעוֹרְרוּת. עֶר פְלֶעגְט זָאגְן פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן: "זָאגְט אֲפִילוּ אַ קַאלְטְן קַאפִּיטְל תְּהִילִים, נָאר דֶער עִיקָר אִיר זָאלְט זָאגְן תְּהִלִּים"; דֶער רֶבִּי הָאט דָאס זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט, וַוייל עֶר הָאט אַרַיין גֶעבְּרֶענְגְט אִין דֶער וֶועלְט צוּ זָאגְן תְּהִילִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פּ' שְׁמוֹת תשע"ט)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## פַאְרְוָואס חֲתוּנָה הָאבְּן יוּנְג? מְ׳פַארְלִירְט דָאךְ דִי שֶׁענְסְטֶע בָּחוּר׳ישֶׁע יָארְן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס גֶעהֶערְט אַ שִׁיעוּר פוּן אֵייךְ אַז סְ׳אִיז גוּט אַ בָּחוּר זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן וִוי יוּנְגֶער. אִיךְ הָאבּ מִיר זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיף דֶעם, וַוייל אִיךְ הָאבּ אַלְץ גֶעהֶערְט פוּן מַיינֶע מַגִּידֵי שִׁיעוּר אַז דִי בָּחוּר׳ישֶׁע יָארְן זֶענֶען דִי שֶׁענְסְטֶע יָארְן אִין לֶעבְּן, דָאס אִיז דֶער יְסוֹד פוּן לֶעבְּן, וָואס מְ׳קֶען אוֹיפְטוּן אַלְס בָּחוּר קֶען מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט אוֹיפְטוּן שְׁפֶּעטֶער. פַארְוָואס זָאגְט אִיר אַז סְ׳אִיז יָא בֶּעסֶער חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן וִוי פְרִיעֶר, מְ׳וֶועט דָאךְ פַארְפַאסְן דִי שֶׁענְסְטֶע בָּחוּר׳ישֶׁע יָארְן?

נָאכְדֶערְצוּ אַז דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה שְׁרַייבְּט, ״שָׁעָה אַחַת בִּימֵי הַבַּחֲרוּת כְּשָׁנָה שְׁלֵימָה בִּימֵי עֲמִידָה״, אֵיין שָׁעָה אִין דִי בָּחוּר׳ישֶׁע יָארְן אִיז וִוי אַ גַאנְצֶע יָאר אִין דִי עֶלְטֶערֶע יָארְן. אִיךְ פְלֶעג דָאס הֶערְן פוּן מַיינֶע מַגִּידֵי שִׁיעוּר יֶעדֶע פוּפְצְן מִינוּט... אוּן יֶעצְט הֶער אִיךְ גָאר פוּנְקְט פַארְקֶערְט.

אִיךְ פְרֶעג נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם לְקַנְטֵר, אִיךְ וִויל בֶּאֱמֶת פַארְשְׁטֵיין, אוּן אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מִיר דָאס קְלָאר שְׁטֶעלְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ

יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ, ג׳ טֵבֵת, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווִיסְן זָאלְסְטוּ אַז דָאס וָואס דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט אִינֶעם בְּרִיוו פַאר זַיין זוּן: ״וְשָׁעָה אַחַת בִּימֵי הַבַּחֲרוּת - כְּשָׁנָה שְׁלֵמָה בִּימֵי הָעֲמִידָה חָשׁוּב״, אֵיין שָׁעָה אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אִיז אַזוֹי וִוי אַ גַאנְצֶע יָאר אוֹיף דֶער עֶלְטֶער, רֶעדְט עֶר נִישְׁט פוּן דִי תְּקוּפָה וָואס מִיר רוּפְן הַיינְט אָן: ״דִי בָּחוּר׳ישֶׁע יָארְן״, אוּן וֶוען מֶען הָאט חֲתוּנָה וֶוערְט מֶען אוֹיס בָּחוּר, וַוייל דֶער בְּרִיוו הָאט דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זי״ע גֶעשְׁרִיבְּן פַאר זַיין זוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי אֶלְעָזָר נִיסָן זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה שׁוֹין נָאךְ דִי חֲתוּנָה! נָאר ״יְמֵי הַבַּחֲרוּת״ מֵיינְט ״דִי יוּנְגֶע יָארְן״ - סֵיי מִיט אַ וַוייבּ אוּן סֵיי אָן אַ וַוייבּ. דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה שְׁרַייבְּט דָאס אוּנְז צוּ לֶערְנֶען וִוי חָשׁוּב דִי יוּנְגֶע יָארְן זֶענֶען אוּן מֶען זָאל רִיכְטִיג אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן עג): ״הָעַבְדוּת שֶׁאָדָם עוֹבֵד אֶת הַשֵּׁם בְּבַחֲרוּתוֹ כָּל יוֹם, עֶרְכּוֹ יָקָר מִשָּׁנִים רַבּוֹת שֶׁל עֲבוֹדָה לְעֵת זִקְנָתוֹ״, דָאס דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן אִיז מֶער חָשׁוּב וִוי דִי עֲבוֹדָה אוֹיף דֶער עֶלְטֶער.

דָאס וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט: ״אוֹיבּ מֶען הָאט חֲתוּנָה פְרִי פַארְלִירְט מֶען דִי שֶׁענְסְטֶע יָארְן״, - אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג; אִין הָכִי נַמִּי, פוּן אֵיין זַייט אִיז פַאר אַ בָּחוּר גְרִינְגֶער צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶנֶען וַוייל עֶר הָאט נָאךְ נִישְׁט דֶעם עוֹל הַפַּרְנָסָה אוּן עֶר דַארְף נָאךְ נִישְׁט אוֹיפְצִיעֶן קִינְדֶער, אָבֶּער חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סב:): ״כָּל אָדָם שֶׁאֵין לוֹ אִשָּׁה שָׁרוּי בְּלֹא שִׂמְחָה, בְּלֹא בְּרָכָה, בְּלֹא טוֹבָה״, ווִילַאנְג מֶען הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה אִיז מֶען נִישְׁט פְרֵיילִיךְ, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין בְּרָכָה אוּן מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גוּטְס; נָאכְמֶער זָאגְן חֲכָמֵינוּ הַקְּדוֹשִׁים אוֹיף אַ צְוֵוייטֶע פְּלַאץ (בְּרֵאשִׁית רַבָּה, פָּרָשָׁה יז, סִימָן ב): ״כָּל שֶׁאֵין לוֹ אִשָּׁה שָׁרוּי בְּלֹא טוֹבָה, בְּלֹא עֵזֶר, בְּלֹא שִׂמְחָה, בְּלֹא בְּרָכָה, בְּלֹא כַּפָּרָה, אַף בְּלֹא שָׁלוֹם, אַף בְּלֹא חַיִּים, וְאֵינוֹ אָדָם שָׁלֵם״, פַאר מֶען הָאט חֲתוּנָה הָאט מֶען נִישְׁט קַיין גוּטְס, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין הֶעלְפֶער, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שִׂמְחָה, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין בְּרָכָה, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין כַּפָּרָה, עֶס פֶעלְט שָׁלוֹם, מֶען הָאט נִישְׁט קַיין לֶעבְּן אוּן מֶען אִיז נִישְׁט אַ גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ. אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ שְׁטֵייט (וַיִּקְרָא ה.): ״כָּל מַאן דְּלָא אִשְׁתְּכַח דְּכַר וְנוּקְבָא, כָּל שִׁבְחָא אַעְדּוֹי מִנֵּיהּ, וְלָאו הוּא בִּכְלָלָא דְאָדָם. וְלֹא עוֹד אֶלָּא דְּלָאו אִיהוּ כְּדַאי לְאִתְבָּרְכָא״, ווִילַאנְג אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה הָאט עֶר נִישְׁט קַיין גוּטְס, עֶר אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין מֶענְטְשׁ אוּן עֶר אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ וֶוערְן גֶעבֶּענְטְשְׁט; נָאךְ זָאגְט דֶער זוֹהַר (פַּרְשַׁת אַחֲרֵי, נט:): רֶבִּי יִצְחָק זָאגְט: ״בְּכָל אֲתַר דְּלָא אִשְׁתְּכַח דְּכַר וְנוּקְבָא, לָאו כְּדַאי לְמֶחֱמֵי אַפֵּי שְׁכִינְתָּא״, וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט אִיז נִישְׁט רָאוּי צוּ מְקַבֵּל זַיין פְּנֵי הַשְּׁכִינָה.

פוּן דֶעם קֶענְסְטוּ זֶען דִי סִיבָּה פוּן אַלֶע צַעַר אוּן יִסּוּרִים וָואס גֵייט אַלְץ אַרִיבֶּער אוֹיף בָּחוּרִים - וַוייל עֶס פֶעלְט זֵיי דִי אַלֶע גוּטֶע זַאכְן. דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען פַאלְט נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת, מֶען זִינְדִיגְט אִין דִי בִּיטֶערֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית, זֶענֶען דִי תּוֹצָאוֹת דֶערְפוּן אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז צֶעבְּרָאכְן כְּחֶרֶס הַנִּשְׁבָּר. אוּן דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַארְוָואס עֶס פַאלְן נֶעבֶּעךְ שְׁטִיקֶער פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער; וֶוען מֶען וָואלְט וֶוען חֲתוּנָה גֶעמַאכְט דִי קִינְדֶער יוּנְג וָואלְטְן אַלֶע גֶעבְּלִיבְּן עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג.

טְרַאכְט גוּט אַרַיין וֶוען דִי פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִּיקִים הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט; דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט בַּיי דִי דְרַייצְן יָאר, אַזוֹי אוֹיךְ דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט בַּיי דִי בַּר מִצְוָה (עַיֵּין פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן סה), אוּן בְּעֶצֶם הָאבְּן אַלֶע צַדִּיקִים חֲתוּנָה גֶעהַאט יוּנְג, אַזוֹי זֶענֶען זֵיי אוֹיפְגֶעוָואקְסְן בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה.

מִיר גֶעפִינֶען אִין דִי גְמָרָא אַז דֶער הֵיילִיגֶער אַמוֹרָא רַב חִסְדָּא הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶערִימְט פַאר דִי חֲכָמִים - זַיינֶע חֲבֵרִים (קִידּוּשִׁין כט:): ״הַאי דַּעֲדִיפְנָא מֵחַבְרָאִי, דִּנְסִיבְנָא בְּשִׁתְּסַר״, דָאס וָואס אִיךְ בִּין מֶער פוּן מַיינֶע חֲבֵרִים, אִיז וַוייל אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט יוּנְג - בַּיי דִי זֶעכְצְן יָאר (זֶעכְצְן יָאר מֵיינְט מֶען וָואס מִיר רוּפְן פוּפְצְן יָאר, אָנְפַאנְג פוּן דִי זֶעכְצְן יָאר), ״וְאִי נְסִיבְנָא בְּאַרְבֵּיסָר הֲוָה אֲמִינָא לֵיהּ לְשָׂטָן: גִּירָא בְּעֵינֶיךָ״, אוֹיבּ וָואלְט אִיךְ חֲתוּנָה גֶעהַאט בַּיי דִי פֶערְצְן יָאר, וָואלְט אִיךְ זִיךְ גֶעקֶענְט רֵייצְן מִיטְן שָׂטָן אוּן אִיךְ וָואלְט נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן אִים, עֶר וָואלְט מִיר נִישְׁט גֶעקֶענְט מַכְשִׁיל זַיין מִיט עֲבֵירוֹת אוּן אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעוֶוען מֶער אָפְּגֶעהִיטְן.

אַז דוּ רֶעדְסְט פוּנֶעם בְּרִיוו פוּנֶעם הֵיילִיגְן יִשְׂמַח מֹשֶׁה, ווִייסְטוּ מִן הַסְּתָם אוֹיךְ אַז דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זי״ע הָאט דוּרְכְאוֹיס זַיין גַאנְץ לֶעבְּן גֶעהָאפְט גֶעוַוארְט אוֹיף מָשִׁיחַ אוּן נִישְׁט מֵסִיחַ דַּעַת גֶעוֶוען פוּן בִּיאַת הַמָּשִׁיחַ. עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעהַאלְטְן מִיט זִיךְ דִי בִּגְדֵי שַׁבָּת נֶעבְּן זִיךְ אֲפִילוּ בַּיים שְׁלָאפְן, אַז אוֹיבּ מָשִׁיחַ וֶועט פְלוּצְלִינְג קוּמֶען זָאל עֶר אִים גְלַייךְ קֶענֶען מְקַבֵּל פָּנִים זַיין. דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַארֶער רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט נָאכְגֶעזָאגְט (עַיֵּין בְּדִבְרֵי יוֹאֵל פַּרְשַׁת חַיֵּי שָׂרָה עַמּוּד תעד; פַּרְשַׁת תַזְרִיעַ עַמּוּד שיט) וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט אַלְס אִינְגֶערְמַאן וֶוען עֶר הָאט נָאךְ גֶעוואוֹינְט אִין שְׁטָאט סַאטְמַאר פוּן אַן אַלְטְן אִיד ר׳ אַבְרָהָם לֶעוִוי [פִּילְפִּישֶׁער] זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וָואס הָאט אַלֵיינְס גֶעהֶערְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן יִשְׂמַח מֹשֶׁה אֵיינְמָאל הוֹשַׁעְנָא רַבָּה וֶוען עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן בַּיים שְׁטִיקְל ״הוֹשַׁעְנָא לְמַעַנְךָ אֱלֹקֵינוּ״ וִוי עֶר הָאט גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֶעזָאגְט: ״רִבּוֹן כָּל עוֹלָמִים, אִיךְ בֶּעט נִישְׁט מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען פַאר מִיר אוּן פַאר מַיין הֲנָאָה, אוּן אֲפִילוּ אִיךְ וֶועל נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ זֶען דָאס גוּטְס וָואס וֶועט זַיין וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט הָאבְּן קַיין חֵלֶק פוּן דֶעם אִיז מִיר אוֹיךְ גוּט, אִיךְ וִויל נָאר עֶס זָאל זַיין ׳יִתְגַּדַּל

<<<<<

>>>>>>

הָאט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעשְׁטֶערְט. צְוִוישְׁן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעבָּארְגְט גֶעלְט פוּן דֶעם עוֹשֶׁר אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען אֵיינֶער וָואס הָאט גֶעבָּארְגְט אַבִּיסְל גֶעלְט אוּן עֶר הָאט דָאס אַיינְגֶעשְׁטֶעקְט אִין אַ גֶעשֶׁעפְט, דֶער גֶעשֶׁעפְט הָאט אָבֶּער נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, עֶר הָאט פַארְלוֹירְן דָאס גַאנְצֶע גֶעלְט, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט גְרוֹיסֶע יִסּוּרִים פוּן דֶעם אַז עֶר קֶען נִישְׁט בַּאצָאלְן פַארְ׳ן עוֹשֶׁר. דֶער מֶענְטְשׁ הָאט בַּאשְׁלָאסְן אַז אֲפִילוּ עֶר הָאט טַאקֶע נִישְׁט דָאס גֶעלְט צוּ בַּאצָאלְן, דַארְף עֶר כָּאטְשׁ אַזוֹיפִיל טוּן אַז עֶר זָאל אַרִיבֶּערְגֵיין צוּם עוֹשֶׁר אוּן זִיךְ פַארְעֶנְטְפֶערְן אוּן אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן. וֶוען עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן דֶעם עוֹשֶׁר אוּן אִים דֶערְצֵיילְט דִי סִיבָּה פַארְוָואס עֶר קֶען נִישְׁט צָאלְן זַיין חוֹב, הָאט אִים דֶער עוֹשֶׁר גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״וָואס גֵייט מִיר אָן דָאס בִּיסְל גֶעלְט וָואס דוּ הָאסְט גֶעבָּארְגְט פוּן מִיר? דָאס אִיז מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט קֶעגְן דִי שְׁוֶוערֶע גֶעלְטֶער וָואס אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מִיר שׁוּלְדִיג. דֶערִיבֶּער, אוֹיבּ וֶועסְטוּ זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען אַרוּמְצוּגֵיין אוּן מְעוֹרֵר זַיין דִי אַלֶע מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן מִיר בַּאצָאלְן, אֲפִילוּ זֵיי זָאלְן נָאר בַּאצָאלְן אַ קְלֵיין חֵלֶק פוּן זֵייעֶר חוֹב, וֶועט עֶס נָאכְאַלְץ אוֹיסְקוּמֶען טוֹיזְנְטֶער מָאל מֶער גֶעלְט פוּן וִויפִיל דוּ בִּיזְט מִיר שׁוּלְדִיג, אוּן דַאן וֶועל אִיךְ דִיר אִינְגַאנְצְן מוֹחֵל זַיין אוֹיף דֶעם חוֹב״.

מִיט דֶעם מָשָׁל הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן מְעוֹרֵר זַיין אַנְדֶערֶע אִידְן צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען אַ אִיד אִיז מְחַזֵּק אַנְדֶערֶע אִידְן, עֶר שְׁטַארְקְט זֵיי אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט זַיין אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ, אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דַאן אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַלֶע זַיינֶע עֲבֵירוֹת.

סְפֶּעצִיעֶל וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה צוּ גֶעבְּן פַאר אַ צְוֵוייטְן אַ סֵפֶר וָואס וֶועט יֶענֶעם מְחַזֵּק זַיין אוּן מְעוֹרֵר זַיין צוּ תְּשׁוּבָה, אִיז דָאס נָאךְ מֶער חָשׁוּב. וַוייל וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ, וֶועט נִישְׁט אֵייבִּיג פַּאסְטְן פַאר יֶענֶעם מְקַבֵּל צוּ זַיין דִי וֶוערְטֶער, עֶר וֶועט זִיךְ שֶׁעמֶען אָנְצוּנֶעמֶען דִי וֶוערְטֶער, אוֹיךְ קֶען זַיין אַז יֶענֶער אִיז נִישְׁט יֶעצְט אִין דִי גִיסְטֶע צוּ הֶערְן חִיזּוּק אָדֶער מוּסָר. וֶוען מֶען גֶעבְּט אָבֶּער פַאר יֶענֶעם אַ סֵפֶר, דַאן וֶועט עֶס יֶענֶער אַרַיינְלֵייגְן אִין טַאשׁ; אוּן שְׁפֶּעטֶער, וֶוען קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט זֶען, אוּן וֶוען עֶר וֶועט זַיין אִין דִי גִיסְטֶע, וֶועט עֶר עֶס קֶענֶען לֵיינֶען אוּן לֶערְנֶען, אוּן דָאס וֶועט אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַסַאךְ שְׁוֶועריְקֵייטְן אִין לֶעבְּן, בְּרוּחֲנִיּוֹת וּבְגַשְׁמִיּוֹת, אוּן מִיט דֶעם וָואס מֶען גֶעבְּט פַאר מֶענְטְשְׁן צוּ פַארְזוּכְן פוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְּקוּת פוּן רֶבִּי׳ן, קֶען מֶען מִיט דֶעם מַמָּשׁ רַאטֶעוֶוען אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוּן דִי שְׂכַר אוֹיף דֶעם אִיז אוּמְשַׁאצְבַּאר.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַאַ״שׁ חֵלֶק י׳ עֶרֶךְ הַפָּצָה וְעֶרֶךְ הִתְחַזְּקוּת. חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן סִימָן תמ״ז)

>>>>>>

שוין יעדער אהיים זיך אויסצורוען פארן קומענדיגן טאג, וואס יעדער האט זיך זיינע געשעפטן, דער ביי די ארבעט, און דער אין כולל, א.א.וו. מען האט תיכף שיין צוריק מסדר געווען די טישן און בענק און אויפגערוימט דער בית המדרש, אזוי אז מען זאל קענען מארגן אינדערפרי שוין קומען לערנען און דאווענען ווי יעדן טאג.

דעם קומענדיגן אינדערפרי, ווען די מחותנים האבן געזאגט "מודה אני", האבן זיי געדאנקט דעם אייבערשטן אויף די גרויסע חסדים אז זיי האבן זוכה געווען חתונה צו מאכן א קינד, און באזונדער געדאנקט אז זיי האבן דאס געקענט טון מיט א רואיגע און פרייליכע געוויסן, זיי דארפן נישט אויפשטיין א טאג נאך די חתונה און זיך דערזען אז די פילע געלטער וואס זענען אוועקגעווארפן געווארן נעכטן נאכט פאר א טייערע חתונה איז שוין לאנג אוועקגעבלאזן געווארן ווי א זייפן בלאז, און די חובות זענען געבליבן הויערן ווי א שווערע שטיין אויפ'ן הארץ.

יא, עס שטעלט זיך ב"ה ארויס, אז עס זענען דא אידן וואס באווייזן דעם קונץ פון צוזאם ברענגען אלע דריי זאכן צוזאמען "חתונה מאכן די קינדער", און יא, "די חתונה איז פרייליך אויפן העכסטן פארנעם און יעדער איז העכסט צופרידן", און צו דעם אויך "ארויסגיין אינגאנצן אן קיין פעני חובות".

**שישו ושמחו, שמחה מתוך שמחה!**

***

# ווער הכשרות היכל הקודש ברסלב געגרינדעט

ווי באקאנט פלעגט מוהרא"ש זי"ע אסאך מעורר זיין אכטונג צו געבן זייער שטארק אויף כשרות המאכלים, נישט צו עסן סיי וואו און וואס, און דער ראש ישיבה שליט"א רעדט כסדר ארום ווי שטארק מ'דארף נזהר זיין אויף וואס מען נעמט אריין אין מויל.

יעצט האט א תלמיד הישיבה געעפענט אן עסן געשעפט אין בארא פארק, און וועלנדיג זיכער זיין אז אלעס אויסגעהאלטן אויפ'ן בעסטן וועג בתכלית הכשרות, האט ער זייער געבעטן אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל אים געבן א תעודת הכשר. דערפאר האט דער ראש ישיבה שליט"א געגרינדעט א "וועד הכשרות", וואס ווערט בעז"ה געפירט דורך די תלמידי חכמים, די רבני הכולל פון כולל היכל הקודש, וועלכע מאכן זיכער אז יעדע אינגרידיענט וואס קומט אריין אין די מאכלים איז אויסגעהאלטן בתכלית הכשרות למהדרין מן המהדרין.

די משגיחים נעמען אלע הוראות און הדרכות פונעם ראש ישיבה שליט"א, וואס מאכט זיכער אז אלעס ווערט געפירט בעזהשי"ת על צד היותר טוב.

**מי שנזהר ממאכלות אסורות, הוא ניצול מחיות רעות!**

(ספר המידות, אות אכילה)

>>>>>>

וְיִתְקַדֵּשׁ שְׁמֵיהּ רַבָּא׳״.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק דֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, עֶר הָאט נָאר גֶעוָואלְט אוּן גֶעבֶּענְקְט אוּן גֶעהָאפְט יֶעדֶע רֶגַע אַז מָשִׁיחַ זָאל שׁוֹין קוּמֶען. אִיז כְּדַאי דוּ זָאלְסְט זֶען וָואס עֶר זָאגְט וֶועגְן דִי ״בָּחוּר׳ישֶׁע יָארְן״ (סֵפֶר יִשְׂמַח מֹשֶׁה, פָּרָשַׁת כִּי תָבוֹא): ״כִּי הִנֵּה תְּמֵהַנִי עַל עִיכּוּב הַגָּלוּת, כִּי רוֹב בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הֵמָּה כְּשֵׁרִים וּמַדּוּעַ בֶּן דָּוִד לֹא בָּא״, אִיךְ וואוּנְדֶער זִיךְ פַארְוָואס מָשִׁיחַ אִיז נָאךְ נִישְׁט גֶעקוּמֶען, בְּשְׁעַת מִיר זֶעעֶן אַז רוֹב אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען עֶרְלִיךְ אוּן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת. ״וְכַאֲשֶׁר חָקַרְתִּי נִתְוַדַּע לִי כִּי בְּבַחֲרוּתָם מַרְבִּין חֲבִילוֹת עֲבֵירוֹת עַד שֶׁדַּי לָהֶם עַל יְמֵי חַיֵּיהֶם, וְעַל זֶה אֵין עוֹשִׂין תְּשׁוּבָה כְּלָל וְזֶה הַגּוֹרֵם, וּלְכָךְ אֵין יְכוֹלִין שׁוּב לְהִדָּבֵק בְּבוֹרְאֵינוּ יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ״, בִּיז אִיךְ בִּין גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אַז דִי בָּחוּרִים טוּעֶן נֶעבֶּעךְ זֵייעֶר אַסַאךְ עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן טוּעֶן נִישְׁט קַיין תְּשׁוּבָה דֶערוֹיף, דָאס אִיז דִי סִיבָּה אוֹיפְן אֲרִיכוּת הַגָּלוּת; אִיז פַאר דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז אוֹיב מֶען הָאט חֲתוּנָה יוּנְג פַארְלִירְט מֶען דִי שֶׁענְסְטֶע יָארְן, זָאלְסְטוּ זֶען וָואס דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זָאגְט, אַז נָאר וֶועגְן דִי עֲבֵירוֹת וָואס מֶען טוּט דוּרְכְאוֹיס דִי בָּחוּר׳ישֶׁע יָארְן לַיידְן מִיר אִין גָלוּת.

עֶס כַאפְּט אַ צִיטֶער אוּן אַ שְׁרֶעק וֶוען מֶען לֶערְנְט דֶעם שְׁטִיקְל יִשְׂמַח מֹשֶׁה זֶעעֶנְדִיג וָואס עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִידִישֶׁע קִינְדֶער; פוּן אִינְדְרוֹיסְן זֶעט מֶען דָאס נִישְׁט אָן, אַלֶעס זֶעט אוֹיס גְלַאט אוּן גְלַאנְצִיג, עֶס זֶעט אוֹיס וִוי עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין נִסְיוֹנוֹת, מֶען פַאלְט נִישְׁט אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת, מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין חִיזּוּק וְכוּ׳; עֶס פַאלְט קֵיינֶעם נִישְׁט אַיין דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע וֵוייטָאג וָואס בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ גֵיין אַרִיבֶּער, זֵיי וִוילְן זַיין גוּט אוּן עֶרְלִיךְ, אָבֶּער זֵיי הַאלְטְן אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ.

קוּק וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֵאשִׁית חָכְמָה שְׁרַייבְּט וֶועגְן דִי בָּחוּר׳ישֶׁע יָארְן, (שַׁעַר הַתְּשׁוּבָה פֶּרֶק ג, סִימָן י): ״וּמֵהַדְּבָרִים שֶׁצָּרִיךְ הַשָּׁב לְתַקֵּן, הוּא לְתַקֵּן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ״, מֶען דַארְף תְּשׁוּבָה טוּן אוֹיף דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית רַחֲמָנָא לִצְלָן, ״שֶׁאֵין אָדָם בִּזְמַנֵּנוּ נִיצּוֹל מִמֶּנּוּ בְּבַחֲרוּתוֹ״, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁטָא הַיינְטִיגֶע צַייטְן אַ מֶענְטְשׁ וָואס וֶוערְט נִיצּוֹל פוּן דִי עֲבֵירָה אִין דִי בָּחוּר׳ישֶׁע יָארְן, עַיֵּין שָׁם; דָאס הָאט עֶר גֶעשְׁרִיבְּן אִין צְפַת פַאר אִיבֶּער פִיר הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק, אִינֶעם דוֹר פוּנֶעם הֵיילִיגְן אֲרִיזַ״ל, וֶוען דֶער שְׁטָאט צְפַת אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעפִילְט מִיט הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, קְדוֹשִׁים אוּן עֶלְיוֹנִים וָואס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַ הֵיילִיגְקֵייט אוֹיף דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט (חוּץ מִזֶּה וָואס לְהַבְדִּיל דִי אַרַאבְּקֶעס זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעטוּן מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע צְנִיעוּת, אָנְגֶעטוּן פוּן קָאפּ בִּיזְן פִיס אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען שַׁיָּיךְ צוּ קוּקְן אַ רְאִיָּה אֲסוּרָה), אוּן טְרָאץ דֶעם שְׁרַייבְּט עֶר אִין יֶענֶע צַייט דִי וֶוערְטֶער: ״שֶׁאֵין אָדָם בִּזְמַנֵּנוּ נִיצּוֹל מִמֶּנּוּ בְּבַחֲרוּתוֹ״, אַז יֶעדֶער בָּחוּר פַאלְט דוּרְךְ אִין דִי עֲבֵירָה דוּרְכְאוֹיס דִי בָּחוּר׳ישֶׁע יָארְן, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז אִין אוּנְזֶער דוֹר וֶוען אַלֶעס אִיז אָפְן אוּן עֶס אִיז בִּיטֶער שְׁוֶוער צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן בִּקְדוּשָּׁה, וֶוער רֶעדְט נָאךְ הַיינְט צוּ טָאגְס וֶוען מִיר הָאבְּן דִי בִּיטֶערֶע צָרָה אַז יוּנְגֶע קִינְדֶער - בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ - דְרֵייעֶן זִיךְ אַרוּם הָאבְּנְדִיג אִין טַאשׁ אַן אֵייפַאד, סְמַארְט-פָאוּן וָואס מֶען קֶען זֶען דָארְט אַלֶע עֲבֵירוֹת פוּן דִי וֶועלְט, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז וִוי פְרִיעֶר מֶען קֶען חֲתוּנָה הָאבְּן וֶועט מֶען הָאבְּן שֶׁענֶערֶע יָארְן; דָאס אִיז דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע עֵצָה! מֶען זָאל חֲתוּנָה הָאבְּן יוּנְג וֶוען מֶען אִיז רֵיין אוּן הֵיילִיג, וַוייל נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת.

עֶלְטֶערְן וָואס הָאבְּן אֱמֶת׳דִיג רַחֲמָנוּת אוֹיף זֵייעֶרֶע קִינְדֶער דַארְפְן זֶען חֲתוּנָה צוּ מַאכְן דִי קִינְדֶער וִוי יוּנְגֶער אוּן נִישְׁט זוּכְן קַיין תֵּירוּצִים אָפְּצוּשְׁטוּפְּן דִי חֲתוּנָה; מֶען קֶען הֶערְן אַלֶע מִינֵי סְבָרוֹת פוּן מֶענְטְשְׁן פַארְוָואס זֵיי הֶערְן נִישְׁט אוֹיס קַיין שִׁידוּכִים פַאר דִי קִינְדֶער:

א. עֶס זֶענֶען דָא עֶלְטֶערְן וָואס זָאגְן: ״אוּנְזֶער קִינְד אִיז נָאךְ יוּנְג, פַארְוָואס זָאלְן מִיר אִים פַארְדְרֵייעֶן דֶעם קָאפּ מִיט שִׁידוּכִים וְכוּ׳? פַארְוָואס זָאלְן מִיר אַרוֹיפְלֵייגְן אוֹיף אוּנְזֶער קִינְד דֶעם עוֹל פוּן חֲתוּנָה הָאבְּן?״ וִוי מָאדְנֶע עֶס הֶערְט זִיךְ קֶען מֶען הֶערְן דִי טַעֲנָה אֲפִילוּ וֶוען דָאס קִינְד אִיז שׁוֹין הֶעכֶער צְוָואנְצִיג יָאר, וָואס דֶעמָאלְט זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים בְּפֵירוּשׁ אַז (קִידּוּשִׁין כט:): ״כָּל יָמָיו בְּהִרְהוּר עֲבֵירָה״, אוֹיב מֶען הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה פַאר דִי צְוָואנְצִיג יָאר וֶועט מֶען אַ גַאנְץ לֶעבְּן הָאבְּן מַחְשָׁבוֹת פוּן עֲבֵירוֹת; וַוייל הֶרְגֵּל נַעֲשֶׂה טֶבַע, דָאס גֶעווֹאוֹינְהֵייט וֶוערְט וִוי אַ צְוֵוייטֶע נַאטוּר, אוּן וִויבַּאלְד עֶר הָאט נִישְׁט חֲתוּנָה גֶעהַאט יוּנְג הָאט עֶר כְּסֵדֶר גֶעטְרַאכְט שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת, וֶועט זִיךְ דָאס שׁוֹין בַּיי אִים צִיעֶן אוֹיף וַוייטֶער. אָבֶּער דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע טָעוּת, וַוייל אַלֶע צָרוֹת קוּמֶען פוּן דֶעם וָואס מֶען מַאכְט נִישְׁט חֲתוּנָה יוּנְג דִי קִינְדֶער - בִּפְרַט דִי מֵיידְלֶעךְ וָואס זֵיי דַארְפְן מֶער שְׁמִירָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (פְּסָחִים קיג.): ״בִּתְּךָ בָּגְרָה - שַׁחְרֵר עַבְדְּךָ וְתֵן לָהּ״, וֶוען דַיין טָאכְטֶער וֶוערְט אַ בּוֹגֶרֶת זָאלְסְטוּ אִיר גְלַייךְ חֲתוּנָה מַאכְן - אֲפִילוּ מִיט דַיין קְנֶעכְט! אַז זִי זָאל נִישְׁט אַוֶועק פַאלְן חַס וְשָׁלוֹם.

ב. אוֹיךְ קֶען מֶען הֶערְן עֶלְטֶערְן זָאגְן: ״מִיר הָאבְּן אַזוֹי לִיבּ אוּנְזֶער קִינְד, פַארְוָואס זָאלְן מִיר אִים אַזוֹי שְׁנֶעל חֲתֻנָּה מַאכְן?״ בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נִישְׁט קַיין לִיבְשַׁאפְט, וַוייל וֶוען זֵיי וָואלְטְן בֶּאֱמֶת לִיבּ גֶעהַאט זֵייעֶר קִינְד וָואלְטְן זֵיי חֲתוּנָה גֶעמַאכְט דָאס קִינְד וִוי שְׁנֶעלֶער; וֶוען מֶען טוּט וָואס אִיז גוּט פַאר יֶענֶעם ווַייזְט דָאס אַז מֶען הָאט יֶענֶעם לִיבּ, נִישְׁט וֶוען מֶען קוּקְט אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע אִינְטֶערֶעסְן אוּן מֶען זָאגְט אַז מֶען הָאט יֶענֶעם לִיבּ. אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער פָּסוּק (אֵיכָה ד, י): ״יְדֵי נָשִׁים רַחֲמָנִיּוֹת בִּשְּׁלוּ יַלְדֵיהֶן״, רַחֲמָנוּת׳דִיגֶע מַאמֶעס הָאבְּן מִיט זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע הֶענְט גֶע׳הַרְגֶ׳ט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער; מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס עֶס גֵייט הַיינְט אִיבֶּער אוֹיף בְּנֵי הַנְּעוּרִים, וִוי זֵיי פַּיינִיגְן זִיךְ אוּן הַאלְטְן אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אִין מִיאוּס׳עֶ עֲבֵירוֹת, וָואס מֶען קֶען וֶוען דָאס אַלֶעס אַיינְשְׁפָּארְן דוּרְךְ זֵיי חֲתוּנָה מַאכְן יוּנְג.

ג. ווִידֶער זֶענֶען דָא עֶלְטֶערְן וָואס זָאגְן אָפּ שִׁידוּכִים מִיטְן תֵּירוּץ אַז עֶס קָאסְט אַסַאךְ גֶעלְט צוּ חֲתוּנָה מַאכְן, דָאס אִיז אוֹיךְ אַ רְצִיחָה אוּן אַן אַכְזָרִיּוּת צוּ לָאזְן צוּלִיבּ דֶעם דִי קִינְדֶער זִיךְ עֶלְטֶערְן; וֶוער הֵייסְט חֲתוּנָה מַאכְן טֵייעֶר, רַייךְ אוּן אוֹיסְגֶעבְּן שְׁוֶוערֶע גֶעלְטֶער זִיךְ צוּ ווַייזְן פַאר מֶענְטְשְׁן אַז מֶען הָאט גֶעלְט וְכוּ׳?! עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער בִּילִיג, אוּן דִי גֶעלְט (אוֹיבּ מֶען הָאט דָאס בִּכְלַל) זָאל מֶען גֶעבְּן פַארְן יוּנְגְן פָּאר-פָאלְק זֵיי זָאלְן הָאבְּן פַּרְנָסָה וְכוּ׳, וֶוען מֶען וָואלְט וֶוען גֶעשְׁפָּארְט גֶעלְט נִישְׁט צוּ חֲתוּנָה מַאכְן אִין טֵייעֶרֶע זָאלְן אוּן נָאר רוּפְן דִי נָאנְטֶע מִשְׁפָּחָה וָואלְט מֶען וֶוען גֶעקֶענְט גְרִינְגֶערְהֵייט חֲתוּנָה מַאכְן דִי קִינְדֶער אָן קַיין חוֹבוֹת. מִמֵּילָא אִיז דָאס אוֹיךְ נִישְׁט קַיין בַּארֶעכְטִיגְטֶע תֵּירוּץ פַארְוָואס אָפְּצוּשְׁטוּפְּן שִׁידוּכִים.

ד. עֶס זֶענֶען דָא וָואס זָאגְן אָפּ שִׁידוּכִים וֶועגְן כָּבוֹד אוּן יִחוּס; דִי קִינְדֶער נֶעבֶּעךְ פַאלְן אַרָאפּ אִין בִּיטֶערֶע עֲווֹנוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אָן דֶעם וָואס דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן וִויסְן בִּכְלַל וואוּ זֵיי פַאלְן נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ - אַלְץ נָאר צוּלִיבּ כְּבוֹד הַמְדוּמֶּה. דָאס הֵייסְט אַוֶועק גֵיין פוּנֶעם דֶרֶךְ הַתּוֹרָה, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אוּנְז (יְבָמוֹת סג.): ״נְחוֹת דַּרְגָּא״, גֵיי אַרָאפּ פוּן דַיין דַּרְגָּא, ״נְסַב אִיתְּתָא״, כְּדֵי זָאלְסְט קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן; וִוי קֶענֶען עֶלְטֶערְן שְׁלָאפְן רוּאִיג בַּיינַאכְט וֶוען זֵיי הָאבְּן אִין שְׁטוּבּ קִינְדֶער וָואס דַארְפְן חֲתוּנָה הָאבְּן? וואוּ אִיז דִי יִרְאַת שָׁמַיִם פוּן עֶלְטֶערְן וָואס לָאזְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער עֶלְטֶער וֶוערְן נָאר צוּלִיבּ כָּבוֹד?!

ה. עֶס זֶענֶען דָא עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען זִיךְ מַלְבּוּשׁ בִּלְבוּשׁ תַּלְמִיד חָכָם אוּן זָאגְן אָפּ שִׁידוּכִים מִיטְן תֵּירוּץ אַז דִי קִינְדֶער דַארְפְן זִיךְ נָאךְ מַשְׁלִים זַיין אִין לֶערְנֶען; דָאס אִיז אוֹיךְ קֶעגְן דִי תּוֹרָה, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין כט): ״אִם אִי אֶפְשַׁר לוֹ בְּלֹא אִשָּׁה - יִשָּׂא אִשָּׁה וְאַחַר כָּךְ יִלְמַד תּוֹרָה״, אוֹיבּ מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אָן אַ פְרוֹי זָאל מֶען קוֹדֶם חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן נָאכְדֶעם לֶערְנֶען תּוֹרָה; נָאךְ זָאגְן חֲזַ״ל (פְּסָחִים קיב:): ״מִצְוָה וְגוּף טָהוֹר - נוֹשֵׂא אִשָּׁה וְלוֹ בָּנִים״, אַז מֶען הָאט חֲתוּנָה אִיז מֶען אַ רֵיינֶער

<<<<<<

>>>>>>

מֶענְטְשׁ.

תַּמְצִית הַדְּבָרִים, וֶוער עֶס הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף דִי קִינְדֶער זָאל זֵיי וְוי פְּרִיעֶר חֲתוּנָה מַאכְן, אַזוֹי וֶועלְן זֵיי אוֹיסְוַואקְסְן הֵיילִיג אוּן רֵיין.

אִיךְ הָאבּ אַבִּיסְל מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען אִינֶעם בְּרִיוו נָאכְדֶעם וָואס דוּ הָאסְט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן: "אוֹיבּ מֶען הָאט חֲתוּנָה פְּרִי, פַארְלִירְט מֶען דִי שֶׁענְסְטֶע יָארְן"; עֶס זֶעט אוֹיס פוּן דַיינֶע וֶוערְטֶער אַז דוּ הָאסְט שׁוֹין פַארְגֶעסְן וָואס אַ בָּחוּר גֵייט אַרִיבֶּער אִין לֶעבְּן, אוּן דָאס הָאט אַ פָּנִים וְוי דֶער עֶנְטְפֶער וָואס עֶלְטֶערְן גֶעבְּן פַאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, וֶוען דֶער קִינְד שֶׁעמְט זִיךְ נִישְׁט אוּן בֶּעט אָפְּן: "טַאטֶע, אִיךְ וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן", אָדֶער: "מַאמֶע, אִיךְ בֶּעט דִיר, זָאג נִישְׁט אָפּ קַיין שִׁידוּכִים, אִיךְ וֶועל פַארְבְּרֶענְט", דַאן זָאגְן זֵיי מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "וואוּ יָאגְסְטוּ זִיךְ? כַאפּ אַרַיין דִי שֶׁענְסְטֶע יָארְן פוּן דַיין לֶעבְּן", וַוייל זֵיי הָאבְּן שׁוֹין פַארְגֶעסְן וָואס עֶס אִיז אוֹיף זֵיי אַרִיבֶּער וֶוען זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען יוּנְג אוּן זֶענֶען גֶעוֶוען יֶעדֶע רֶגַע אִין אַ סַכָּנָה וְכוּ'; אַזוֹי אוֹיךְ הָאסְטוּ שׁוֹין אוֹיךְ פַארְגֶעסְן וָואס עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אַ בָּחוּר.

עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ וְוי אַ בָּחוּר אוּן עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא שִׁבְרֵי כְּלִי וְוי אַ בָּחוּר וָואס וִויל זַיין עֶרְלִיךְ אוּן אָפְּגֶעהִיטְן בִּקְדוּשַּׁת הַבְּרִית אָבֶּער עֶר הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן, מֶען קֶען אֲפִילוּ זָאגְן אַז עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין בְּחִירָה, אוּן עֶר וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים וַוייל עֶר וִויל נִישְׁט וֶוערְן אָנְגֶערוּפְן מִיטְן טִיטְל: "רַע" וָואס שְׁטֵייט בַּיי דִי פַּרָשָׁה פוּן עֵר וְאוֹנָן (בְּרֵאשִׁית לח, ז): "וַיְהִי עֵר בְּכוֹר יְהוּדָה רַע בְּעֵינֵי ה'"; עֶר וֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, גֶעוַואלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין אַרָאפְּפַאלְן אִין פְּגַם הַבְּרִית? וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז אִיךְ זָאל נִישְׁט טוּן דִי עֲבֵירָה?!" מוֹהֲרַנְ"ש זָאגְט אַז אוֹיף זֵיי אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים קב, יח): "פָּנָה אֶל תְּפִלַּת הָעַ'רְ'עָ'ר' וְלֹא בָזָה אֶת תְּפִלָּתָם", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קֶערְט זִיךְ צוּ דִי תְּפִלָּה פוּן דִי וָואס פַאלְן אַרָאפּ אִין דִי עֲבֵירָה פוּן 'רַע'.

אַז מֶען רֶעדְט שׁוֹין פוּן בָּחוּרִים וֶועל אִיךְ דִיר נָאךְ שְׁרַייבְּן אֵיין זַאךְ וָואס מוֹהֲרַנְ"ש פְלֶעגְט כְּסֵדֶר זָאגְן. אַז וֶוען עֶר וֶועט אַרוֹיף קוּמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט וֶועט עֶר זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין פַאר אַלֶע בָּחוּרִים, עֶר וֶועט טַעֲנָה'ן פַארְן בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה: "וָואס זֶענֶען בָּחוּרִים שׁוּלְדִיג אַז זֵיי פַאלְן אַרָאפּ אִין עֲבֵירוֹת?!"

"מַיין זַאךְ אִיז בָּחוּרִים" - פְלֶעגְט מוֹהֲרַנְ"ש שְׁטֶענְדִיג זָאגְן; "אִיךְ בִּין אַרָאפּ גֶעקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיפְצוּהֵייבְּן בָּחוּרִים אוּן זֵיי וַוייזְן אַ וֶועג וְוי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן. אִיךְ בִּין גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן 'כ"א אִיָּיר' אִין דִי סְפִירָה פוּן "חֶסֶד שֶׁבִּיְסוֹד", וָואס דָאס אִיז מַיין מִדָּה, אִיךְ טוּ 'חֶסֶד' אוּן אִיךְ בִּין מְחַזֵּק דִי אַלֶע וָואס פַאלְן נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ אִין מִידַּת הַ'יְסוֹד'.

בָּחוּרִים וָואס וִוילְן חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן עֶס גֵייט זֵיי נִישְׁט קַיין שִׁידוּךְ זֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט שׁוּלְדִיג אוֹיף וָואס זֵיי פַאלְן דוּרְךְ; מוֹהֲרַנְ"ש פְלֶעגְט זָאגְן פַאר דִי בָּחוּרִים זֵיי זָאלְן טַעֲנָה'עֶן יֶעדְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ וִויל נִישְׁט זִינְדִיגְן אִין פְּגַם הַבְּרִית; רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ וִויל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת; וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ פַאל אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל?!"

דֶערִיבֶּער הָאט מוֹהֲרַנְ"ש צַוָואָה גֶעלָאזְט (צַוָּאַת מוֹהֲרַנְ"ש, אוֹת ה): "אִיךְ זָאג צוּ אַז יֶעדֶער בָּחוּר אָדֶער מֵיידְל וָואס דַארְף אַ שִׁידוּךְ אוּן זֵיי וֶועלְן קוּמֶען אוֹיף מַיין קֶבֶר אוּן דוּרְכְזָאגְן גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים פוּן אָנְפַאנְג בִּיזְן סוֹף פַאר מַיין זְכוּת, וֶועל אִיךְ טוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ קֶען, אַז זֵיי זָאלְן טְרֶעפְן זֵייעֶר שִׁידוּךְ. אוּן דָאס זָאג אִיךְ צוּ מִיט אַ שְׁטַארְקֶע צוּזָאג"; וַוייל עֶר הָאט זִיךְ זַיין גַאנְץ לֶעבְּן מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען וַוייטֶער צוּ הֶעלְפְן בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' וַיִּגַּשׁ תשע"ט)

BreslevCenter.com\answers

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## נאך א חתונה אָן חובות פארגעקומען אין וויליאמסבורג

גאר א פרייליכע חתונה איז פארגעקומען דעם מאנטאג אוונט, ווען החתן מו"ה בנציון בן מו"ה שמחה יאקאבאוויטש הי"ו איז געגאנגען אונטער די חופה מיט די כלה די טאכטער פון מו"ה משה ארי' שניטצלער הי"ו.

די חתונה איז געווען צוגעשטעלט גענצליך בחינם פאר ביידע מחותנים אינעם בית המדרש היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג, אינעם זעלבן בית המדרש ווי דער חתן האט פארברענגט זיינע בחורישע יארן מיט תורה, תפלה ומעשים טובים.

פינעף אזייגער נאכמיטאג איז מען זיך צוזאם געקומען צום קבלת פנים, וואס איז געווען שיין צוגעגרייט אין ביהמ"ד. דער חתן האט אויפגענומען אלע געסט בסבר פנים יפות, און יעדן צוריק געווינטשן בצהלות פנים, בשעת דער עולם האט געזונגען שיינע ניגונים.

זעקס א זייגער איז מען ארויס אין גאס פארנט פון בית המדרש, וואו עס איז יעצט צום ערשטן מאל גענוצט געווארן די נייע חופה וואס איז געווארן אויפגעשטעלט ספעציעל צו נוצן פאר די חתונות אין בית המדרש. אויף די פיר זייטן פון די חופה איז געווארן אויפגענייט שיינע מאמרים פון רבי'ן.

הרה"ג ר' יצחק שטיין שליט"א, פאלטישאנער דיין, איז מכובד געווארן מיט סידור קידושין. מיט כתובה ליינען איז מכובד געווארן דער זיידע פון די כלה מו"ה ברוך יודא שניטצלער הי"ו, טשאבע רב. מיט די איבריגע ברכות איז מכובד געווארן דער זיידע מו"ה ישי' וועבער הי"ו.

נאך די חופה איז מען אריין אין בית המדרש צו די סעודה. דאס עסן איז געווארן צוגעשטעלט געווארן דורך די פרויען פון אנשי שלומינו. איינער האט געמאכט די פיש, א צווייטע די קוגלען, א דריטע די דיפס, א.א.וו.. פלייש האט מען גענומען פונעם 'בית התבשיל' וואס נעמט צוזאמען די איבעריגע מאכלים וואס בלייבט איבער פון שמחה זאלן.

ביים סעודה האט מען נישט סערווירט דאס עסן, נאר די פלייש און צושפייז איז אלעס געווען אויסגעלייגט אין בעקעלעך, אזוי ווי ביי די וואך נאכטס, און יעדער האט זיך אליינס גענומען וואס ער דארף, כרצון איש ואיש. מען האט געגעסן אין פעיפער גודס וואס די ישיבה האט צוגעשטעלט, און עס האט געהאט אלע טעמים...

אום אכט אזייגער האט מען אנגעהויבן טאנצן. בשעת'ן טאנצן איז געווען שמחות ובכיות (לשון סיפורי מעשיות, מעשה פון די זיבן בעטלערס) מענטשן האבן געוויינט פארוואס זיי קענען דאס נישט באווייזן, זיי האבן געטראכט "וואס פעלט דען פון אזא חתונה? פארוואס דארפן מיר אויסגעבן שווערע געלטער, ווען מען קען דאס מאכן אומזיסט אן קיין חובות!". אנדערע האבן געלאכט, מען האט געלאכט פון פרייד אז מיר האבן א רבי וואס מאכט אונז קלאר וואס צו טון, מיר זאלן זיך נישט פארלירן פאר נישטיגע כבוד המדומה און ווערן א בעל חוב אויפ'ן גאנצן לעבן.

פאר די מוזיק איז נישט געווען קיין בענד, און נישט קיין זינגער, עס האט געשפילט א פשוט'ע טעיפ אפגעכאפט פון אן אנדערע חתונה, מענטשן האבן געפרעגט "וואו איז דער שפילער? ווער זינגט דא? אז דער עולם טאנצט אזוי פרייליך און לעבעדיג?", ווען מען האט זיי געענטפערט אז "דא שפילט א פשוטע טעיפ", זענען זיי געבליבן אן לשון.

פיקטשערס - ביי די מענער האט א בחור געכאפט, און ביי די פרויען - א פרוי מאנשי שלומינו.

אום צען אזייגער האט מען זיך געשטעלט צום מצוה טאנץ. אנשטאט א "גראמער" וואס זאל גראמען ("גראגערן" אין קאפ) און אויפהאלטן דעם עולם ביז אין די פריע פארטאגס שעה'ן - האט דער שמש פון בית המדרש אויסגערופן "יעמוד יעמוד". אויף אלע פענימער האט זיך אנגעזען א שמייכל פון אויער צו אויער בשעת דער שמש האט געשריגן "יעמוד יעמוד", אלע האבן געזאגט פה אחד "וואס פעלט אויס צו זיצן דא און משוגע ווערן פון ליידיגגיין ביז אינמיטן דער נאכט"...

א זיידע האט אנגעפרעגט אויב מ'דארף געבן "שבת-געלט" פאר'ן גראמער, אויב ער מאכט נישט מער ווי א "יעמוד"... און ער האט אויסגעפירט אז אויב ברויך מען יא געבן פאר דעם "שבת-געלט", וויל ער געבן טאפלט... אלס הכרת הטוב פאר'ן נישט אויפהאלטן די גאנצע נאכט, צו קענען אויפמארגנס אנהויבן דעם טאג ווי געהעריג.

אום 10:50 אזייגער איז מען שוין געווען איינגאנצן פארטיג מיט די חתונה, דער עולם איז

<<<<<<


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מוה"ר **יואל פארקאש** שליט"א

גבאי ביהמ"ד היכל הקודש קרית יואל [הע"ס קט.]

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת געזונטערהייט, בני חיי ומזוני רויחי, מיט דורות ישרים ומבורכים

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

המפיץ ר' **שלום שניטצלער** הי"ו

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת געזונטערהייט, בני חיי ומזוני רויחי, מיט דורות ישרים ומבורכים

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **בנצי יאקאבאוויטש** הי"ו

**צו זיין שמחת החתונה למזל טוב עב"ג**

דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, מיט בני חיי ומזוני רויחי, און דורות ישרים ומבורכים



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; און נאך** > 212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

< BreslevCenter.com >

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעצעפיס; און נאך**

212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**